**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון איבערבויאונג פון אפאָרדעבל און שטיצנדע האוזינג מיט 123 יוניטס אין ראטשעסטער**

***היסטארישע Utz and Dunn שיך פירמע געביידע איבערגעבויט פאר נייע באנוץ און שאפט ענערגיע-שפארזאמע היימער אין ראטשעסטער'ס סוזען בי ענטאני געגנט***

***אינוועסטירונג ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" – דעם ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע צו ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס און מאכן די עקאנאמיע וואקסן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון Canal Commons, א דעוועלאפמענט וואס האט פארוואנדלט א היסטארישע מעניופעקטשורינג איינריכטונג פון די 19'טע יאר הונדערט אין ראטשעסטער צו ווערן 123 אפאָרדעבל אפארטמענטס, אריינרעכענענדיג 70 יוניטס מיט אויפן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס.

"די פארענדיגונג פון Canal Commons ברענגט 123 יוניטס פון קריטיש-נויטיגע אפאָרדעבל האוזינג צו די הארץ פון ראטשעסטער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער אינוועסטירונג וועט העלפן אריינבלאזן א פרישע חיות אין א היסטארישע פראפערטי און ברענגען נייע געלעגנהייטן פאר הויזגעזינדער מיט נידעריגערע איינקונפט און פאר היימלאזע מענטשן וועלכע זוכן פאר צוטריט צו א זיכערע, מאדערנען היים וואס רעכנט אריין צוטריט צו כלים און סערוויסעס וואס וועלן זיי העלפן בליהען."

אין די לעצטע פינף יאר האט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) אויפגעבויט אדער פרעזערווירט איבער 7,000 אפאָרדעבל היימער אין מאנראו קאונטי. Canal Commons זעצט פאר די אונטערנעמונג און איז טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן איבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס איבערערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

צום ערשט געבויט אין די 19'טע יאר הונדערט פאר די James Cunningham & Son Company און רענאווירט אין אנהויב פון די 20'סטע יאר הונדערט צו ווערן די Utz and Dunn שיך פירמע געביידע — איז די פינף-שטאקיגע סטרוקטור געמאכט פון רויטע ציגל געווען אפן אלס א שיך פאבריק פון די 1910'ס ביז די 1950'ער. די יעצטיגע רענאוואציעס האבן אויפגעהאלטן די געביידע'ס אינדוסטריאלע כאראקטער, מיט פילע סטרוקטורישע זיילן איבערגעלאזט אומבאדעקט און היסטארישע ווענט אפגעהיטן. בעפאר די לעצטנס פארענדיגטע קאנסטרוקציע, איז די געביידע געשטאנען ליידיג פאר איבער צען יאר.

אלע אפארטמענטס זענען געגוג ביליג פאר הויזגעזינדער וואס פארדינען ביז 60 פראצענט די ארטיגע מיטלגארטיגע איינקונפט. 70 אפארטמענטס קומען מיט שטיצנדע סערוויסעס אויסגעצאלט דורך די

עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו (Empire State Supportive Housing Initiative) און פארטיילט דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH). סערוויסעס צוגעשטעלט דורך East House רעכענען אריין קעיס מענעדזשמענט, עדזשוּקעישען און באשעפטיגונג קאונסעלינג, שטיצע פון אנדערע וואס זענען אין ענליכע מצבים, קאָוטשינג פאר לעבנס סקילס און געזעלשאפטליכע אקטיוויטעטן.

זיך געפונענדיג אין די סוזען בי ענטאני געגנט פון די 'בלומען שטאט', איז די לאקאציע וויניגער פון א מייל אוועק פון ראטשעסטער'ס Inner Loop וואס ווערט יעצט טראנספארמירט דורך ברייטע סטעיט און לאקאלע אינוועסטירונג, און עס איז אויך נעבן די שטאט'ס בוּלס העד געגנט וואס איז אויך געציהלט געווארן פאר אויפלעבונג דורך שטאט רעגירונג בעאמטע.

Canal Commons איז דעזיינט געווארן צו נאכקומען די סטאנדארטן פון NYSERDA'ס ניי-געבויטע אפּארטמענט געביידעס פראגראם (Multifamily New Construction Program). ענווייראמענט-פריינטליכע אייגנשאפטן רעכענען אריין Energy Star אפּלייענסעס, LED באלייכטונג און ענערגיע-שפארנדע פענסטער און אינסולעישען.

Canal Commons איז דעוועלאפּט געווארן דורך East House צוזאמען מיט MM Development Advisors, Inc. סטעיט פינאנצירונג רעכנט אריין 20 מיליאן דאלאר אין נידעריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און 13 מיליאן דאלאר אין סאָבסידיס פון ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל. די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) האט ערמעגליכט דאס באנוץ מיט פעדעראלע און סטעיט היסטארישע איבערבויאונג טעקס קרעדיטס וועלכע זענען געשאצט צו צושטעלן נאענט צו 15.5 מיליאן דאלאר אין עקוויטי. די ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance) האט צוגעשטעלט 7.4 מיליאן דאלאר דורך דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם (Homeless Housing Assistance Program). די OMH שטעלט צו אומגעפער 1.75 מיליאן דאלאר יערליך אין אנגייענדע פינאנצירונג דורך די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו, און אזוי אויך אומגעפער א $335,000 פראיעקט דעוועלאפּמענט גרענט צו העלפן דעקן די בויאונג קאסטן.

די לאקאציע איז ערפאלגרייך צוגעגרייט געווארן פאר וואוינונגען דורך די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס (Department of Environmental Conservation, DEC) פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם (Brownfield Cleanup Program) וואס העלפט שטופן פאר איבערבויאונג אלס א מיטל צו אויפלעבן עקאנאמיש-חרוב'ע קאמיוניטיס.

**HCR קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "גאווערנער האקול האט ווידעראמאל ארויסגעוויזן איר איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן אפארדעביליטי און פארמערן האוזינג געלעגנהייטן פאר ניו יארקער. די ארבעט וואס איז פארענדיגט געווארן אויף Canal Commons פארזיכערט אז 123 הויזגעזינדער וועלן בענעפיטירן פון א לעכטיגערע צוקונפט אין אן אפאָרדעבעל היים, און די ארומיגע געגנט וועט געניסן פון די בענעפיטן פון א לעבהאפטיגע דעוועלאפּמענט וואס היט אויך אפּ א וויכטיגע טייל פון ראטשעסטער'ס היסטאריע. מיר באדאנקען אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים פארן העלפן מאכן דעם פראיעקט פאר א מעגליכקייט און פארן צושטעלן די הילפס-מיטלען וואס וועלן גיבן פאר מער איינוואוינער א טשאנס צו בענעפיטירן פון די קאמיוניטי'ס עקאנאמישע וואוקס."

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג צייטווייליגע קאמישאנער, שאָן מאהאר, האט געזאגט,** "די ערפאלגרייכע רייניגונג פון Canal Commons איז א געוואלדיגע ביישפיל פון די הצלחה פון די DEC'ס פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם וואס העלפט אויפלעבן קאמיוניטיס דורכן אויפרייניגן געוועזענע אינדוסטריאלע לאקאציעס. די באשיצנדע און ערפאלגרייכע

אויפריייניגונג פון אמאליגע פארפעסטיגונג ביי די לאקאציע דינט סיי צו אוועקנעמען א געוועזענע חרוב'ע אינדוסטריאלע פּראפּערטי פון די לאנדשאפט און סיי צו ברענגען געלעגנהייטן פאר אפאָרדעבעל האוזינג אין ראטשעסטער."

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "Canal Commons איז א ביישפיל פון ניו יארק'ס פירערשאפט אונטער גאווערנער האקול צו אהערשטעלן אפאָרדעבעל, מאדערנע און ענערגיע-שפארזאמע היימער וואס זענען צוגענגליך פאר אלע ניו יארקער, באזונדערס אונזערע שוואכסטע איינוואוינער. לעבן מיט נידעריגערע קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס און ריינערע לופט איז א צענטראלע טייל פון אונזער סטעיט'ס קארבאן-נייטראלע צוקונפט וואו איינוואוינער וועלן בליהען און בענעפיטירן פון א געזונטערע און באקוועמערע סביבה צו לעבן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג פון דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם אין Canal Commons וועט גיבן פאר הויזגעזינדער וואס גייען אריבער היימלאזיגקייט די לאנג-טערמיניגע האוזינג סטאביליטעט און צוטריט צו קריטישע אויפן-ארטיגע שטיצע סערוויסעס וואס וועלן זיי העלפן אדרעסירן די פראבלעמען ביים שורש וואס האבן מעגליך בייגעשטייערט צו זייער אומזיכערהייט מיט האוזינג. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אנערקענען מיט רעכט די צענטראלע ראלע וואס פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג שפילט ביים גיבן די כלים פאר געוועזענע היימלאזע ניו יארקער צו קענען לעבן געזונטע און סיפוק'דיגע לעבנס אין זייער קאמיוניטי."

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוואן, האט געזאגט,** "שטיצנדע האוזינג גיבט פאר ניו יארקער וואס לעבן מיט גייסטישע קראנקהייט א געלעגנהייט צו וואוינען זיכערערהייט אין א זעלבסטשטענדיגע פלאץ, א זאך וואס קען האבן א באדייטפולע פאזיטיווע ווירקונג אויף זייערע לעבנס. די פארענדיגטע Canal Commons גיבט א נייע לעבן פאר א היסטארישע סטרוקטור און וועט יעצט צושטעלן פריידיג-אויפגענומענע סטאביליטעט און שטיצע פאר מענטשן וואס ליידן פון גייסטישע קראנקהייט. גאווערנער האקול'ס פארגעזעצטע איבערגעגעבנקייט צו בויען ספעציאליזירטע האוזינג העלפט ניו יארקער פארשאפן האוזינג מיט די סערוויסעס אויף וועלכע זיי קענען זיך פארלאזן צו וואוינען און בליהען אין זייער קאמיוניטי."

**ניו יארק סטעיט פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג צייטווייליגער קאמישאנער, רענדי סימאָנס, האט געזאגט,** "ניו יארק האט א פאנטאסטישע ליסטע פון היסטארישע פּראפּערטיס, אבער פילע פון זיי זענען ליידיג אדער נישט אויסגענוצט. דורך פראגראמען ווי דער היסטארישע איבערבויאונג טעקס קרעדיט פראגראם, קענען מיר ארבעטן בשותפות אויף פראיעקטן וואס העלפן ערפילן די גאווערנער'ס אמביציעזע אפאָרדעבעל האוזינג איניציאטיוו. טרעפן וועגן צו צוריק אריינברענגען די צענטראלע געביידעס אין באנוץ אין וועגן וואס אדרעסירן די באדערפענישן פון מענטשן היינט איז א גאר גוטע אינוועסטירונג אין אונזערע קאמיוניטיס. מיר זעהען צו טראנספארמאציעס פון די סארט אריבער די סטעיט, און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן צוזאמען אויף נאך."

**סטעיט סענאטאר דזשערמי קוּני האט געזאגט,** "מיט היימלאזיגקייט אויף די אויפשטייג, וועט East House ערפילן א דירעקטע נויט אין די סיטי אָוו ראטשעסטער. אפגעזעהן צו Canal Commons מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי ליידן פון דראג באנוץ, האבן פראבלעמען מיט זייער גייסטישע געזונטהייט אדער זוכן איינפאך א זיכערע פלאץ וואו צו וואוינען, וועט Canal Commons צושטעלן א סטאבילע, אפאָרדעבעל 'מקום מקלט' אין זייער צייט פון נויט. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול און די גאנצע מאנשאפט פון East House פארן מאכן דעם פראיעקט פאר א מציאות און פאר אלע ארבעט וואס זיי טוהען צו העלפן מענטשן אויף זייער וועג צו ערהוילונג."

**אסעמבלי מיטגליד דעימאנד מיקס האט געזאגט,** "אפּאָרדעבעל און זיכערע האוזינג פון א הויכע קוואליטעט איז א באדערפעניש וואס צופיל פון אונזערע איינוואוינער און פאמיליעס זענען פאר צו צוריקגעוויזן ווערן. כאטש מיר האבן געמאכט אביסל פארשריט אין אונזערע באמיאונגען צו באקעמפן דעם האוזינג קריזיס אריבער אונזער סטעיט, דאך איז נאך דא פיל ארבעט צו געטוהן ווערן. מיר האבן א פאראנטווארטליכקייט אלס פארשטייער און פירער צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער האט זיכערע און פארלעסליכע האוזינג. דורכן צושטעלן האוזינג אין א צענטראלע לאקאציע מיט צוטריט צו אויפן-ארטיגע סערוויסעס, וועלן דעוועלאפמענטס ווי Canal Commons זיכער מאכן אז באזייטיגטע מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי וואס מוטשענען זיך באקומען די שטיצע און הילפס-מיטלען וואס זענען נויטיג זיך צו קענען אליין אויסהאלטן און צו קענען אויסהאלטן זייערע באליבטע. א דאנק פאר גאווערנער האקול, East House און מיינע סטעיט קאלעגן פאר די באדייטנדע אינוועסטירונג אין אונזער שטאט און אין די מענטשן פון גרעיטער ראטשעסטער."

**סיטי אָוו ראטשעסטער מעיאר, מאליק עוואנס, האט געזאגט,** "האוזינג פון א הויכע קוואליטעט באריכערט אונזערע געגנטער, ערמוטיגט עקאנאמישע געלעגנהייטן און איז א הויפט פריאריטעט פאר די סיטי אָוו ראטשעסטער. איך וויל באדאנקען גאווערנער קעטי האקול, קאמישאנער רוט-ען וויסנאָסקעס פון ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל, East House און אלע אגענטורן וועלכע האבן געשטיצט דעם פראיעקט — פארן מאכן די אינוועסטירונג אין ראטשעסטער. בויען היימער פאר מענטשן וועלכע ערהוילן זיך פון גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייטן איז קריטיש צו ברענגען האפענונג און געלעגנהייט אין אונזער שטאט."

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו עדעם בעלאָו האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס פארגעזעצטע אינוועסטירונגען צו אויסברייטערן אפּאָרדעבעל האוזינג. דער פראיעקט וועט פארוואנדלען א מעניופעקטשורינג איינריכטונג פון די 19'טע יאר הונדערט צו ווערן 123 אפּאָרדעבעל און שטיצנדע אפּארטמענטס. Canal Commons וועט דינען מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי וועלכע זענען אריבער היימלאזיגקייט אדער וואס זענען אין סכנה פון היימלאזיגקייט. די צוזאמשטעל פון אפּארדאבעל האוזינג און שטיצנדע סערוויסעס אונטער איין דאך וועט מאכן א חילוק אין אזויפיל לעבנס. אונזער קאמיוניטי איז דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אוועקשטעלן נייע אפּאָרדעבעל יוניטס אין מאנראו קאונטי און אריבער ניו יארק סטעיט."

**פארשנעלערן 'פינגער לעיקס פאראויס'**

די היינטיגע אנאנס ערגענצט "פינגער לעיקס פאראויס" (Finger Lakes Forward), די ראיאן'ס ברייטע סטראטעגיע וויאזוי צו אויפטרייבן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי אנטוויקלונג. די ראיאניש-אויסגעשטעלטע פלאן קאנצענטרירט זיך אויפן אינוועסטירן אין וויכטיגע אינדוסטריעס אריינרעכענענדיג פאָטאניקס, אגריקולטור און עסנווארג פראדוקציע און אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג. מער אינפארמאציע קען מען זעהן [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן